ירושלים 17.7.1995

טייערער דוד,

איין מאל אין א חלום האב איך געוואלט ווערן א פויגל. ווען איך בין געווארן א פויגל פראנק און פריי האב איך זיך געכאפט צו שפעט אז איך האב איבערגעלאזט הינטער זיך דאס לשון. און צו וויסן וועגן דעם ביסטו אין דיין בוך " א ברידזש אוף לאנגינג", דערגאנגען פון אן אנדער קוק-לאנדשאפט צום אמת פון מיין חלום אין שרייבן. ווען איך בין געווארן ,דא אין ישראל, פראנק און פריי אין דער מעשה , האב איך פארלוירן( איז מיר פארלוירן געגאנגען) לשון יידיש. אויך וועגן דער 'שטילקייט' - איז עס זייער אמת. הינטער מיר שפרייט זיך און ציט זיך א שטילקייט וואס איך פרוו פארשרייען מיט גאסן, פענצטער און מענטשן אז גאנץ ירושלים און אפשר גאנץ ישראל איז איין שטיקל ביאלע . מיט דיין הילף איז מיר אויסגעקומען ס'ערשטע מאל צו כאפן א קוק אויף א שפאן פון צוויי הונדערט יאר - וועגלעך און שטעגלעך זייער קלאר.

אפילו ווען איך האב שוין געענדיקט לייענען (אריינגערעכנט אלע הונדערטער הערות) איז די שפאנונג נאך אלץ נישט אוועק און אוודאי נישט דער נחת-רוח .

דאכט זיך ס' איז דא א פלאן זאלסט קומען אויף א ווייל קיין ישראל. וועלן מיר זיצן א האלבע ווייל און זיך אנקוקן מיט בענקשאפט און אויך ליבע.

מארגארעט לייענט איצט דאס בוך. איך האב באשטעלט א האלבן טוץ ביכער . צעגעבן און צעטיילן. זיך גרויסהאלטן מיט דיר.

א גרוס דער משפחה

דיין יוסל בירשטיין